ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויקהל

**(חלק טז — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויקהל־פקודי, כד־כט אדר, ה׳תשפ״א (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויקהל

א. אויפן פסוק[1] „והנשאם הביאו את אבני השהם גו״ שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „והנשאם הביאו״ און איז מפרש[2]: „א״ר נתן מה ראו נשיאים להתנדב בחנוכת המזבח[3] בתחלה[4] ובמ־לאכת המשכן לא התנדבו בתחלה אלא כך אמרו נשיאים יתנדבו צבור מה שמת־נדבין ומה שמחסרין אנו משלימין אותו כיון שהשלימו צבור את הכל שנאמר והמלאכה היתה דים אמרו נשיאים מה עלינו לעשות הביאו את אבני השהם וגו׳ לכך התנדבו בחנוכת המזבח תחלה[5] ולפי שנתעצלו מתחלה נחסרה אות משמם וה־נשאם כתיב״.

בפשטות לערנט מען (ווי מפרשים זאָגן[6]) אַז רש״י באַוואָרנט דאָ: וויבאַלד די תורה דערמאָנט די נדבת הנשיאים נאָך אַלע אַנדערע נדבות המשכן, דאַרף מען אָננעמען (בפשטות) אַז די נשיאים האָבן זיך מתנדב געווען די לעצטע —

מ׳קען ניט זאָגן, אַז זייער נדבה ווערט גערעכנט לבסוף נאָר דערפאַר ווייל אַזוי איז געווען דער סדר אינעם ציווי פון הקב״ה למשה (אין אָנהויב פ׳ תרומה) און פון משה לישראל (אין אָנהויב פון אונזער סדרה) — אַז דער ציווי אויף די נדבות פון אבני שהם אבני מילואים שמן למאור בשמים לשמן המשחה ולקטורת הסמים (די פרטים פון די נדבות הנשיאים) שטייט נאָכן ציווי אויף אַלע אַנדערע נדבות[7] (צום סוף פון די י״ג דברים)[8] —

1) פרשתנו לה, כז.

2) מספרי נשא ז, ג (הובא גם בפרש״י שם). וליתא שם סיום פרש״י „ולפי שנתעצלו כו״. ובבמדב״ר (פי״ב, טז), תנחומא פקודי (יא) הובא גם סיום זה — אלא ששם: א) לא הובא זה בשם ר׳ נתן. ב) הובא בכמה שינויים.

3) בספרי ופרש״י נשא מאמר ר״נ הוא עה״פ „ויקריבו אותו לפני המשכן״ שהמדובר שם הוא בנדבות העגלות והבקר לשאת המשכן, כהמשך הכתובים (ולא נזכר בספרי ופרש״י חנוכת המזבח), וחנוכת המזבח מבואר שם פסוק יוד ואילך (ראה פרש״י שם). ובפשטות י״ל שגם כאן כוונתו גם לנדבות העגלות והבקר. ובדפוס שני ובכו״כ כת״י רש״י „מה ראו נשיאים להתנדב בחנוכת המשכן בתחלה״, וכן בסיום פרש״י „לכך התנדבו בחנוכתו תחלה״ (וכ״ה בדפוס ראשון).

4) לכאורה צ״ע פי׳ תיבת „בתחלה״ (ועד״ז הוא בספרי ופרש״י נשא שם) שהרי רק הם התנדבו לחנוכת המזבח. ואולי נק׳ תחלה לא דחנוכתו כ״א מצד עצם ענין המזבח, שהם היו הראשונים להקריב על המזבח ובנ״י הקריבו את קרבנותיהם אחר חנוכת המזבח (דהנשיאים). או י״ל כפשטות הלשון „בתחלה״, שגם בנ״י נדבו לחנוכת המזבח קרבנות נדבה (כיון שהיו נדיבי לב ביותר) אחר הנשיאים. ולהעיר מנשא (ז, פד) „זאת חנוכת המזבח גו׳ מאת נשיאי ישראל״. ואכ״מ.

5) בפרש״י נשא שם — בשינויים (ועד״ז בספרי מפרש״י כאן: א) ליתא שם „(אנו משלימין) אותו״. ב) מוסיף „(כיון) שראו״. ג) מוסיף „(אמרו) מעתה מה לנו כו״. ד) מסיים „והמלואים לאפוד ולחושן״ ואינו מוסיף „וגו״, משא״כ בפרש״י כאן „את אבני השהם וגו״״*.

6) משכיל לדוד כאן.

7) ועד״ז הוא סדרם בציווי עשייתם, שהציווי על שמן למאור ובגדי כהונה נאמר בפ׳ תצוה לאחרי הציווי על מלאכת המשכן בפ׳ תרומה (ולהעיר מפרש״י אמור כד, ב), ובשמים לשמן המשחה כו׳ נצטוו בפ׳ תשא.

8) להעיר מאוה״ח תרומה כה, ז בתירוץ הא׳.

*) להעיר מספר עץ הדעת טוב (מהרח״ו) פרשתנו (קיד, ד) שהנשיאים הביאו **רק** את אבני השהם והמילואים (אבל עה״פ כאן (קטו, ג) כתב שהביאו גם הבושם ושמן כו׳). ולכאורה עפמ״ש באוה״ח תרומה (כה, ז), פנ״י (שם, ב) ועוד — כן הוא לפי׳ הגמרא דלקמן הערה 14. אבל בגמרא שם לפנ״ז שירד להם כו׳ עם המן תכשיטי נשים (בשמים) כו׳. ובתיב״ע פי׳ גם בפסוק כח ענני שמיא בהמשך לפסוק כז. ואכ״מ.

וואָרום[9] אויב אַזוי: א) האָט דער פסוק „והנשאם הביאו" געדאַרפט שטיין באַלד נאָכן פסוק[10] „כל מרים תרומת .. הביאו" און ניט נאָך די פסוקים „וכל אשה חכמת לב בידי' טוו גו' וכל הנשים אשר נשא לבן גו'" (וועלכע ריידן שוין ניט וועגן די פרטי הנדבות אויף וועלכע ס'איז געווען דער ציווי) [11]; ב) פאַרוואָס טיילט דער פסוק בכלל אויס הבאת הנשיאים[12] פון „ויבואו[13] כל איש **אשר נשאו לבו גו'**"[14]?

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער פסוק איז אויסן מדגיש צו זיין אַז די נשיאים האָבן זיך מתנדב געווען און געבראַכט זייער נדבה לבסוף.

איז דאָך ניט מובן (אויך) בפשוטו של מקרא, ווי קומט עס אַז די נשיאי ישראל האָבן זיך אָפּגעהאַלטן מיט זייער נדבה ביז נאָך די נדבות פון גאַנצן צבור — אויף דעם ברענגט רש"י, אַז זיי האָבן

9) ועוד: בציווי הקב"ה למשה (ר"פ תרומה) ובציווי משה לישראל (ר"פ ויקהל) נאמרו שמן למאור בשמים לשמן המשחה גו' לפני אבני שהם ואבני מילואים.

10) לה, כד.

11) אף שי"ל שג"ז נכלל בנדבת המשכן, אלא שהכתוב מספר איך הביאו. וראה אוה"ח כאן. וראה לקמן ע' 452 ואילך.

12) דזה שמפרט מה שהביאו (אבני שהם ומילואים בושם וכו') מובן בפשטות, כמו שמפרט כל י"ג הדברים שבנ"י הביאו. אבל לכאורה לא הוצרך לפרש שהנשיאים הם שהביאום.

לכאורה י"ל שמפרטם מצד חשיבותם — אבל אז הו"ל להקדימם בתחלה לפני נדבת כל ישראל. ודוחק לומר שלא כתבו בתחלה לפי שכן הוא סדר הציווי כו' (כנ"ל בפנים) — כי את"ל שמפרטם מפני חשיבותם, מובן שלא יפרטם לבסוף, שנותן מקום לומר שזהו מצד העדר מעלתם,

[נוסף על הדוחק — שהרי היו כמה אנשים חשובים בבנ"י (הזקנים וכו') שבודאי התנדבו למלאכת המשכן מתאים לחשיבות שלהם ולא נפרטו בפ"ע.

אבל בזה הי' אפ"ל: א) שכוונת הנשיאים כאן היא לא רק לנשיאי השבטים (כמו שמפרש רש"י. וראה פרש"י נשא ז, ב) כ"א אנשים חשובים ומורמים מעם כמו בכ"מ בתורה לפנ"ז. וראה פרש"י תשא לד, לב „אחר שלמד לזקנים כו'", שלכאורה משמע שזהו פי' „הנשיאים בעדה" שבפסוק שם לפנ"ז. ב) שהם לא נפרטו בפ"ע כי לא הביאו דבר מסוים ומיוחד כמו שהנשיאים הביאו (וראה תוס' הדר זקנים, פי' הרא"ש וחזקוני — שייכות דברים אלו להנשיאים)].

13) לה, כא.

14) ומטעם זה הי' אפשר לפרש „נשאם" — „עננים" [כבמשלי כה, יד. ועוד (הובא בפרש"י לעיל לך יז, כ). וע"ד פי' הגמרא יומא עה, א. תיב"ע כאן. ת"י (הובא בבעה"ט כאן). שמו"ר פל"ג, ח], שעפ"ז מתורצות ב' קושיות הנ"ל שבפנים (להעיר מחדא"ג יומא שם).

אבל רש"י כאן לא פירש כן, כי אינו ע"ד הפשט. ובפרט שבציווי הקב"ה בר"פ תרומה מפורש „מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו גו'. תקחו מאתם גו'". וגם בפסוקים אלו הרי נאמר תיכף בכתוב שלאח"ז (כט) „כל איש ואשה גו'" שבפשטות הוא הכלל דכל הכתובים שלפנ"ז (ראה ראב"ע כאן).

לכאורה אפשר לומר (כדמשמע בתיב"ע (ראה פי' יונתן). ובשמו"ר שם*) שגם לפי הפירוש ד„נשאם" — „עננים", מ"מ „הניחו נמי לפי פשוטו נשיאי השבטים"** [אלא שמצד ב' קושיות שבפנים מוכרח שיש בו גם הפירוש ד„עננים"***] — אבל דוחק לומר בפשש"מ שהכתוב יכתוב „והנשאם הביאו גו'" לאחרי נדבות כל האנשים ונשים וטווית הנשים לרמז שהדרך שבאו להנשיאים הי' ע"י העננים (אבל להעיר מאוה"ח תרומה שם בסופו).

*) „והיו הגדולים שבהן" — ראה פי' מהרז"ו שם. אלא שצ"ע שממשיך „תדע שכן הוא שנאמר (פרשתנו לו, ג) והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר" (כביומא שם — וראה שוה"ג שלאח"ז) שבפשטות מדובר בכתוב זה ע"ד נדבת כל ישראל.

**) לפי פי' הגמרא משמע דפי' „נשאם" הוא רק „עננים" [רק שהבאתם למשכן היתה ע"י ישראל (אבל בפי' הרי"ף בעי"י שם משמע שמפרש כבתיב"ע ושמו"ר), כדמוכח בגמרא לפנ"ז (אבל ברבינו בחיי כאן: הביאום ענני כבוד לתוך אהלו של משה. וכן משמע במדרש הגדול כאן)].

***) **וע"ד** פרש"י לך שם „נשיאים — כעננים יכלו כו'", שלא בא לשלול פי' הפשוט דנשיאים, כ"א שבזה שנקט לשון נשיאים דוקא (ראה מפרשי רש"י שם) מרמז גם לזה ש„כעננים יכלו כו'".

געזאָגט: „יתנדבו צבור מה שמתנדבין ומה שמחסרין כו'". ד. ה. ס'איז געווען „לפי שנתעצלו".

ב. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין די גרויסע אריכות אין פירוש רש"י:

א) בהקושיא „מה ראו כו'" — וואָס איז דאָ נוגע אַז באַ חנוכת המזבח האָבן זיי זיך מתנדב געווען „בתחלה" — די קשיא דאָ איז פאַרוואָס זיי האָבן זיך ביי מלאכת המשכן (אין דעם פסוק) ניט מתנדב געווען בתחלה — האָט רש"י געדאַרפט בריינגען פון ר' נתן'ס רייד נאָר נשיאים „למה לא התנדבו בתחלה כו'"[15]?

ב) בהתירוץ וביאור: וואָס איז נוגע דאָ די אריכות ההסברה פון די נשיאים „יתנדבו צבור וכו'"? לכאורה האָט רש"י געדאַרפט באַוואָרענען און אויספירן בקיצור, אַז דער טעם איז „לפי שנתעצלו".

ג) בעצם הענין: ווי איז שייך זאָגן אַז דער גאנצער טעם וואָס דער פסוק טיילט אויס די נדבות הנשיאים, רעכענענדיק זיי נאָך אַלע נדבות, אויך נאָך טווית הנשים, איז בכדי צו לאָזן וויסן אַז „נתעצלו"! ס'איז דאָך אפילו „בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב"[16].

ג. אויך זיינען דאָ כמה דיוקים אין פירוש רש"י ומהן:

א) ס'איז אַ סתירה מיני' ובי': פון דעם וואָס רש"י זאָגט „כיון שהשלימו צבור את הכל שנאמר והמלאכה היתה דים" איז קלאָר, אַז דער צבור האָט געבראַכט אַלץ וואָס איז געווען נויטיק פאַר מלאכת המשכן — היינט ווי שטימט עס מיט דעם וואָס לפועל האָבן נאָך געפעלט די אבני שהם ואבני מילואים לאפוד ולחושן, הבושם, שמן למאור ולשמן המשחה ולקטורת הסמים? — ומזה

ב) וויבאַלד אַז „השלימו צבור את הכל" און זיי האָבן עס געבראַכט מיט אַזאַ נדבות הלב, ווי דער פסוק איז מעיד[17] „מרבים העם להביא גו' דים גו' והותר" — איז פאַרוואָס האָבן זיי ניט געבראַכט אויך די נדבות וואָס די נשיאים האָבן געדאַרפט משלים זיין[18]?

ג) ולאידך: פאַרוואָס האָבן זיך די נשיאים מצטער געווען „מה עלינו לעשות" און צוליב דעם האָבן זיי בחנוכת המזבח מתנדב געווען בתחלה — זיי האָבן דאָך לפועל געבראַכט כו"כ ענינים עיקריים פאַר דעם משכן און פאַר די בגדי כהונה[19]?

ד) וואָס גיט צו דער לשון אין רש"י „יתנדבו צבור מה שמתנדבין" — עס וואָלט געווען גענוג ווען רש"י זאָגט

---

15) ואפילו את"ל שזה (שהתנדבו בחנוכת המזבח תחלה) מחזק הקושיא — הרי עכ"פ הו"ל להקדים הענין שכאן לא התנדבו תחלה.

16) ב"ב קכג, א.

17) לו, ה. ז.

18) ראה בארוכה משכיל לדוד תרומה כה, ב. אבל פירושו (שבנ"י לא נצטוו להביא אבני השהם וכו') לא נרמז כלל ברש"י. ובפרט שלפירושו צ"ל (כמ"ש שם בעצמו) שרש"י לא פי' דבריו בפ' תרומה מפני שסמך על פירושו (אח"כ) בפרשתנו!

19) בבמדב"ר ותנחומא פקודי שם „אמרו הואיל ולא זכינו בתרומת מלאכת המשכן כלום א"כ ניתן בבגדי כהונה" (ובבמדב"ר „בבגדי כה"ג"). וראה אוה"ח תרומה שם („עוד נראה לומר") — אבל בפרש"י בפשש"מ לא מצינו חילוק דבגדי כהונה אינם חשובים כ"כ כמלאכת המשכן. ולהעיר מראב"ע תרומה שם, ג (ועוד) „והשלים בנכבד אבני שוהם כו' כי לא נמצאו רק אצל הנשיאים". ולהעיר שלשון רש"י בפרשתנו הוא „במלאכת המשכן".

„אמרו נשיאים מה שמחסרין ישראל אנו משלימין אותו"?

ה) וואָס איז די הדגשה „ומה שמחסרין כו'" (וואָס מיינט, אַז אידן וועלן מאַכן חסר, אַ חסרון אין אַן ענין וואָס זיי דאַרפן טאָן) — מען האָט געדאַרפט זאָגן „ומה שלא יביאו כו'" וכיו"ב (ובפרט — אַז דאָס איז לשון הכתוב)?

ו) פאַרוואָס זאָגן זיי „מה עלינו לעשות" (ווי פּאַסט דאָ דער לשון „לעשות"?) און ניט „מה עלינו להביא"[20] (וכיו"ב)?

ז) פאַרוואָס ברענגט רש"י דעם נאָמען פון בעל המאמר — ר' נתן? וואָרום, כמדובר כמה פעמים, איז רש"י מעתיק דעם שם פון בעל המאמר נאָר דאַמאָלס ווען דורך דעם ווערט פאַרענטפערט אַ שוועריקייט וואָס קען נתעורר ווערן באַ אַ תלמיד ממולח אין פירוש הכתובים, אָדער אין דעם פירוש פון רש"י[21].

ד. וועט עס זיין פאַרשטאַנדיק בהקדם הביאור אין דיוק הסדר והלשון פון שאלת ר' נתן — „מה ראו נשיאים להתנדב בחנוכת המזבח בתחלה ובמלאכת המשכן לא התנדבו בתחלה": די קשיא איז ניט פאַרוואָס זיי האָבן זיך ניט מתנדב געווען ביי מלאכת המשכן בתחלה, נאָר פאַרקערט: פאַרוואָס זיי האָבן זיך יאָ מתנדב געווען בתחלה ביי חנוכת המזבח [ווי ס'איז אויך מובן פון דעם לשון התירוץ פון ר' נתן — „לכך התנדבו בחנוכת המזבח תחלה" — דער חידוש איז אין זייער התנדבות בתחלה ביי חנוכת המזבח].

איז תמוה ביותר: (א) וואָס פאַר אַ קשיא איז דאָ אין דעם וואָס (ביי חנוכת המזבח) „התנדבו בתחלה" — זייענדיק די נשיאי (ראשי) ישראל האָט דאָך אַזוי געדאַרפט זיין!

(ב) לאידך, אויב די קשיא איז אויפן סדר פון נדבת חנוכת המזבח — אָבער דער סדר פון נדבת המשכן איז מובן — האָט דאָך רש"י ניט געדאַרפט ברענגען די קשיא (אויך) אין אונזער פרשה ביי מלאכת המשכן, נאָר בלויז אין פ' נשא?

איז דער ביאור בזה — אַז היא הנותנת: מיט זיין ברענגען (אויך) דאָ די קשיא „מה ראו נשיאים כו'" איז רש"י אויסן (ניט צו פאַרענטפערן אַז דאָס וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט זייער נדבה לבסוף איז געווען מחמת עצלות, נאָר פאַרקערט —) צו מסביר זיין אין דעם פסוק דאָ, אַז דאָס וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט זייער נדבה לבסוף איז דער ריכטיקער סדר הנהגה; ואדרבה: די קשיא איז גאָר פאַרוואָס ביי חנוכת המזבח האָבן זיי יאָ געבראַכט בתחלה. אין אַנדערע ווערטער: דאָס וואָס רש"י זאָגט דאָ „א"ר נתן מה ראו נשיאים כו'" ברענגט ער ניט אַלס קשיא (אין פסוק פון פ' נשא), נאָר צו מסביר זיין דעם תירוץ וביאור אין דעם פסוק דאָ.

ה. פאַרוואָס דאַרפן די נשיאים ברענגען זייער נדבה לבסוף — זאָגט רש"י: „אמרו נשיאים יתנדבו צבור מה שמתנדבין ומה שמחסרין אנו משלימין אותו": דער תפקיד פון אַ נשיא איז, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף ער זיך משתדל זיין אַז אידן זאָלן טאָן דאָס וואָס זיי דאַרפן טאָן, און ערשט דערנאָך טראַכטן וועגן זיך און זיינע ענינים;

20) להעיר שכ"ה בדפוס ב' וברש"י כת"י.

21) אף שלשון רש"י מקורו מספרי כנ"ל — הרי כמדובר כמ"פ כל המובא בפרש"י עה"ת צ"ל מוכרח ע"פ פשש"מ. ובפרט שבנדו"ד אינו מציין שמקורו מספרי וכיו"ב.

און ווי רש״י האָט שוין פריער מפרש געווען אויפן פסוק[22] „וירד משה מן ההר אל העם״ — „מלמד שלא הי׳ משה פונה לעסקיו אלא מן ההר אל העם״ — וואָס לכאורה איז ניט מובן: מאי קמ״ל, אַז משה האָט גלייך איבערגעגעבן די שליחות פון אויבערשטן צו אידן און ניט פונה געווען פריער צו זיינע אייגענע עסקים? — נאָר דער ענין וחידוש איז, „לא הי׳ פונה לעסקיו״ [מיינט ניט (נאָר) צו זיינע צרכי הגוף וכו׳, נאָר אויך] צו זיינע עסקים אין דעם ענין ושליחות גופא — זיינע הכנות צו מתן תורה, כולל אויך (ובפרט) צו זיין ראוי צו „משה קבל תורה מסיני״;

און פונדעסטוועגן איז זיין סדר [זייענדיק נשיא ביי אידן, אַז צום אַלעם ערשטן קומען די צרכים פון אידן], אי־בערגעבן אידן די שליחות פון אוי־בערשטן און זען אַז זיי זאָלן דאָס אויס־פירן, און ערשט דערנאָך טראַכטן וועגן זיינע רוחניות׳דיקע „עסקים״ בינו ובין הקב״ה, כולל זיינע הכנות צו מ״ת.

ועד״ז בנדו״ד: דער ערשטער תפקיד פון די נשיאים איז געווען צו זאָרגן אַז „יתנדבו צבור וכו׳״ — אַז אידן זאָלן מנדב זיין וויפיל זיי קענען; און דעריבער האָבן זיי געזאָגט „ומה שמחסרין אנו משלימין אותו״ — ניט „ומה שלא יביאו״ וכיו״ב — ווייל מצד זייער תפקיד אַלס נשיאי ישראל האָבן זיי געמאָנט אַז אידן זאָלן ברענגען לנדבת המשכן אַלץ וואָס איז ביכולתם. ובמילא איז אין דערויף ניט שייך אַן ענין פון „מה שלא יביאו״ (וואָס מיינט אַז זיי האָבן עס נאָר עס פעלט דער ברענגען, ווייל אויב נאָר זיי וועלן האָבן ביכולת — וועלן די נשיאים זען אַז זיי זאָלן עס ברענגען),

נאָר עס קען זיין אַ מציאות פון „ומה שמחסרין כו׳״ — דאָס וואָס זיי האָבן געמאַכט פעלן באַ זיך — (חאָטש זיי האָבן אַלעס פריער זיכער געהאַט פון ביזת מצרים און ביזת הים, ווי רש״י האָט שוין פריער[23] געבראַכט, זיי האָבן דעם רצון און נדבת הלב צו ברענגען, נאָר זיי קענען עס ניט ברענגען ווייל זיי האָבן עס אויסגענוצט פריער*[23] (לצרכי מצוה, ובפרט — שהזמ״ג ועוברת), געמאַכט פעלן באַ זיך) — דאַן איז „אנו משלימין אותו״.

עפ״ז איז אויך מבואר לשון רש״י „(כיון שהשלימו צבור את הכל כו׳) אמרו נשיאים מה עלינו לעשות״ (און ניט „לה־ביא״): דאָס באַציט זיך [ניט נאָר צו נדבת המשכן, נאָר בעיקר] צו זייער תפקיד אַלס נשיאים: וויבאַלד אַז „השלימו צבור את הכל״, אידן האָבן משלים געווען צו ברענגען אַלץ וואָס איז ביכולתם, האָבן זיי געזאָגט „מה עלינו לעשות״ — וואָס ליגט אויף אונז צו טאָן אַלס נשיאים, וויבאַלד זיי האָבן שוין אויסגעפירט (אין דעם ענין) זייער תפקיד;

און דאַן ערשט האָבן זיי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זייער השתתפות בנדבת המשכן — „הביאו את אבני השהם כו׳״.

ו. טראָץ דעם וואָס דאָס איז לכאורה געווען דער ריכטיקער סדר ההנהגה פון נשיאים — איז אָבער לפועל בנוגע צו זיי אַליין אַרויסגעקומען אַ חסרון; און דערפון האָבן די נשיאים פאַרשטאַנען אַז דאָס וואָס זיי האָבן געוואַרט מיט זייער נדבת המשכן ביזן סוף איז געווען ניט אינגאַנצן כדבעי, נאָר ס׳איז אין דעם געווען אַריינגעמישט אַן ענין פון

22) יתרו יט, יד.

23) בא יג, יג. בשלח טו, כב. תרומה כו, טו.

*23) ע״ד פי׳ הראב״ע עה״פ.

„שנתעצלו" — און „לכך (כדי דאָס צו מתקן זיין) התנדבו בחנוכת המזבח תחלה".

אין וואָס איז באַשטאַנען דער חסרון — איז עס רש"י מדגיש ומסביר מיטן זאָגן „השלימו צבור את הכל שנאמר והמלאכה היתה דים", אַז דער צבור האָט משלים געווען אַלץ וואָס איז געווען נויטיק פאַר דער מלאכה (פון משכן), דים אויף אַ גענוגנדיקן אופן, אַזוי, אַז די נדבה פון די נשיאים איז ניט געווען מוכרח, כדלקמן.

און וויבאַלד די נשיאים האָבן געזען אַז „השלימו צבור את הכל" און זייער נדבה איז שוין ניט קיין דבר המוכרח[24], הייסט עס דאָך, אַז זיי האָבן ניט קיין חלק שווה אין (הכרחיות — עיקר) נדבת המשכן מיט אַלע אידן — האָבן זיי דער־פון פאַרשטאַנען אַז זייער הנהגה פון „לא התנדבו בתחלה" איז ניט געווען כדבעי, נאָר ס'איז אין דעם געווען אַריינגעמישט אַן ענין פון עצלות כנ"ל[25].

**ז. די הסברה אין דעם:**

בעת די אידן האָבן מנדב געווען „זהב וכסף וגו'" — פון וועלכע מען האָט געדאַרפט מאַכן די כלי המשכן ובגדי כהונה — איז זעענדיק אַז זיי האָבן ניט די אַלע י"ג דברים (זיי האָבן ניט פאַר־מאָגט די אבני שהם, אבני מילואים וכו'), האָבן זיי מוסיף געווען (כמובן פון דעם לשון „השלימו את הכל", „דים") אין די נדבות פון כסף וזהב וכו' אַזוי פיל אַז מען זאָל מיט דעם יתרון קענען באַקומען (קויפן) דאָס וואָס פעלט, הכל[26].

און דאָס איז דער פירוש פון „השלימו צבור את הכל שנאמר והמלאכה היתה דים": אויך די זאַכן פון די י"ג דברים וואָס ביי זיי איז ניט געווען, האָבן די אידן משלים געווען דורך מנדב זיין אַ ריבוי כסף וכו', ביז צו געבן אויך דעם פולן פרייז פון די אבני שהם, אבני מלואים וכו'[27].

24) משא"כ הנשיאים אמרו „מה שמחסרין אנו משלימין אותו" — החסר, מה שיחסר בהמשכן.

25) אפי' את"ל שע"פ פשש"מ* לא הי' ציווי על כ"א מישראל לנדבת המשכן כ"א „מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי" (תרומה כה, ב), „קחו מאתכם תרומה לה' כל נדיב לב יביאה" (פרשתנו לה, ה) — הרי מובן, שמכיון שזה הי' דבר הכי חשוב אצל ישראל שהיו טורחים „שתשרה שכינה בינינו ונדע שנתכפר לנו עון העגל" (רש"י שמיני ט, כג), פשוט שהעדר ההשתתפות בזה (כמו כל ישראל) והעדר הזריזות הוא חסרון. ולהעיר מפרש"י (פקודי לט, לג) גם במשה „ולפי שלא עשה משה שום מלאכה במשכן הניח לו הקב"ה הקמתו". ובתנחומא פקודי יא: שהי' משה מיצר על שלא השתתף (אבל ראה לקו"ש ח"ו ע' 223 הערה 11).

*) משא"כ ע"ד ההלכה — ראה רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א הי"ב: הכל חייבין לבנות ולסעד בעצמן ובממונם אנשים ונשים **כמקדש המדבר**.

26) ע"ד פרש"י לעיל (תרומה כה, ב) „לקנות מהן קרבנות ציבור".

27) באברבנאל ר"פ תרומה: להגיד שאלו הדברים שיזכור יקחו מהם בתרומה אבל אם ינדבו ויתנו דברים אחרים כאלו תאמר ברזל ועופרת בגדים ודברים אחרים לא יקחו מאתם כי לא רצה יתברך שיתנו איזה דבר כו' שיזדמן ויקחו מאתם כמצאיל מן הדליקה כו'. וראה ספורנו שם כה, ג: לא יקבלו כל שוה כסף כו' אבל יקבלו תרומה שגופה נכנסת במלאכת המשכן (ולהעיר מלשון רש"י שם, ב: יג דברים האמורים בענין כולם הוצרכו למלאכת המשכן כו').

אבל א) בפרש"י לא נזכר זה. ב) יתכן שכאשר לא הובאו אבני השוהם וכו' עצמם, קבלו הכסף מבנ"י עבור זה. ג) מצינו כסף שהובא לצורך דברים שבמשכן אף שאינו מפורש בכתוב (ראה ראב"ע שם, ג. אוה"ח פרשתנו לו, ה). ד) גם לפרש"י הי' עודף כסף כו' שלא הוצרכו למלאכת המשכן ולא מפורש בכתוב (ראה תרומה שם, ג: עשאוהו לכלי שרת. וראה פרש"י בהערה שלפ"ז, לפקודי לט, א). ה) באוה"ח פרשתנו לה, כא: יודיע הכתוב כי כל צרכי המשכן כו' באו בעצמן בנדבה

און דערפאַר האָבן די נשיאים געפילט אַז זיי האָבן ניט קיין גלייכע השתתפות אין נדבת המשכן מיט אַלע אידן: אידן האָבן דאָך געגעבן דאָס וואָס איז געווען מוכרח פאַרן משכן, משא"כ די נדבת הנ־שיאים איז שוין ניט געווען אין גדר פון הכרחיות, היות אַז דער כסף כו' אויף קויפען אבני שוהם כו', איז שוין געווען (און זייער השתתפות איז געווען אין דעם וואָס זיי האָבן בפועל געבראַכט די אבני שהם וכו', פאַרשפּאָרט דעם קויפן).

ח. עס פאָדערט זיך אָבער נאָך אַליין ביאור: וויבאַלד אַז ביי אַ נשיא פאָדערט זיך דער סדר ההנהגה פון „לא הי' .. פונה לעסקיו", נאָר ער דאַרף פריער טראַכטן וועגן משפיע זיין אויף אידן — פאַרוואָס האָבן די נשיאים זיך מנדב געווען לחנוכת המזבח תחלה — היפך דעם סדר פון אַ נשיא[28]?

[אמת טאַקע, אַז ביי מלאכת המשכן איז זייער הנהגה געווען ניט באופן היותר נעלה — איז דאָך אָבער ניט שייך צו זאָגן, אַז דער תיקון דערויף איז דורך פירן זיך נאָכדעם ניט ווי אַ נשיא דאַרף זיך פירן].

מוז מען זאָגן, אַז וויסנדיק אַז ביי נדבת המשכן האָט זיך ביי זיי אַריינגע־מישט אַ תנועה פון עצלות, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן זיך געדאַרפט פירן אַנדערש אין דעם ענין פון נדבת המשכן; ד. ה. כאָטש אַז זייער הנהגה איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיגע — איז זי אָבער אין דעם פאַל ניט געווען כדבעי.

די הסברה אין דעם: דורך נדבת המשכן האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין כללי, פון אַלע אידן: „ושכנתי בתוכם", דער באַווייז אַז „נתכפר לנו עון העגל"[29] וכו', און דעריבער האָט זיך דאָ געמאָנט — נוסף אויף דעם אַז יעדער איד זאָל האָבן אַ חלק אין נדבת המשכן — אַז דער משכן זאָל אויפגעשטעלט ווערן וואָס פריער.

און דערפאַר, הגם אמת אַז דער תפקיד פון נשיא העדה או השבט איז צו באַוואָ־רענען אַז אידן זאָלן טאָן די ענינים המוטלים עליהם, האָבן די נשיאים צוזאַ־מען דערמיט געדאַרפט באַוואָרענען אויך די זריזות אין בנין המשכן, אַז עס זאָלן גרייט זיין אַלע זאַכן וואָס מ'דאַרף האָבן למלאכת המשכן בפועל ובהקדם.

און דערפאַר האָט דאָ ניט מתאים געווען דער סדר ההנהגה פון וואַרטן כו"כ זמן און זען וואָס „יתנדבו צבור מה שמתנדבים ומה שמחסרין אנו משלימין אותו" —

מצד זייער תפקיד אַלס נשיאים גופא האָט זיך געפאָדערט, אַז מאָנענדיק ביי אידן („יתנדבו צבור מה שמתנדבין") דאַרפן זיי גלייכצייטיק זיך מקדים זיין צו ברענגען זייער נדבה, כדי אַז דער משכן זאָל אויפגעבויט ווערן בהקדם הכי אפשרי.

און דעריבער, ווען עס איז געקומען צו חנוכת המזבח — וואָס אויך דאָס איז

ולא הוצרכו לקנות דבר מהם בכסף וזהב המובא בתרומה. ומזה גופא מוכח שקבלו גם זה.

28) ואולי י"ל שזהו הטעם (רש"י בפ' נשא (ז, ג)) שלא קיבל משה מידם (ועד"ז שם, יוד) — כי (נוסף ע"ז שלא נצטווה כו', גם) אי"ז סדר הנהגה דנשיא להביא מתחלה*. ועפ"ז יומתק מה שממשיך רש"י באותו הד"ה „א"ר נתן מה ראו כו'" ולא כתבו בד"ה בפ"ע, כדרכו בכ"מ. וראה לקמן הערה 30.

*) וראה מפרשי הספרי ורש"י שם (משכיל לדוד שם פסוק ג' ויו"ד) באופן אחר.

29) פרש"י שמיני ט, כג. וראה פרש"י תשא ל, טז.

אַן ענין כללי און עס איז נוגע עס זאָל זיין בהקדם חנוכת המזבח פאַר אַלע אידן[30] – האָבן זיי מנדב געווען בתחלה.

ט. אַ תלמיד ממולח קען אָבער פרעגן: ווי זאָגט מען אַז ביי די נשיאים האָט געפעלט אין דער השתתפות מיטן כלל ישראל בנדבת המשכן (ווייל זייער נדבה איז ניט געווען אַ דבר המוכרח כנ"ל ס"ז) – לכאורה, וויבאַלד זיי האָבן דאָך מזרז געווען די מביאים למלאכת המשכן, אַז די אידן זאָלן זיך מתנדב זיין („יתנדבו צבור מה שמתנדבין") קומט דאָך אויס, אַז אַלץ וואָס אידן האָבן מנדב געווען האָבן די נשיאים אין דעם אַן אָנטייל, וויבאַלד ס'איז געטאָן געוואָרן בכוחם וזירוזם[31] – היינט פאַרוואָס הייסט עס אַ חסרון אין זייער חלק בנדבת המשכן?

איז דעם ענטפער אויף דעם איז רש"י מרמז דערמיט וואָס ער איז מעתיק אַז דער מאמר האָט געזאָגט ר' נתן.

דער ביאור אין דעם: פון די דינים הכי מפורסמים פון ר' נתן (ביז אַז עס ווערט אָנגערופן על שמו) איז „שעבודא דר' נתן"[32]: בשעת ראובן איז שולדיק אַ חוב צו שמעון'ען און שמעון איז מחוייב צו באַצאָלן לוי'ן – איז „מוציאין מזה (ראובן) ונותנין לזה (לוי)", ראובן צאָלט באופן ישר צו לוי. דער אויפטו אין דעם דין איז[33]: כאָטש אַז די שייכות און התחייבות פון ראובן צו לוי קומט דורך שמעון'ען, איז אָבער נאָכדעם ווי די שייכות ווערט אויפגעטאָן, ווערט דער שעבוד אַריבערגעטראָגן גלייך פון ראובן צו לוי, כאילו ווי שמעון איז מלכתחילה ניט געווען אין מיטן.

עד"ז איז בנדו"ד: כאָטש אַז די שייכות פון אידן מיט זייער התנדבות למלאכת המשכן, ווערט אויפגעטאָן **דורך** (דעם זרוז פון) די נשיאים, איז ווען די אידן פאָלגן און זיינען מנדב איז דאָס „מוציאין מזה – פון די מנדבים – ונותנין לזה" – צום אויבערשטן, אַ שייכות והתקשרות באופן ישר צווישן זיי און דעם אויבערשטן, כאילו ווי די נשיאים האָבן זיך אין דעם ניט באַטייליגט[34].

יו"ד. עפ"ז י"ל עוד – אַז אין דעם גופא איז באַשטאַנען דער קס"ד פון די נשיאים: זיי האָבן געהאַלטן אַז היות די התנדבות פון אידן צום משכן וועט קומען דורך זייער התעוררות, ווערט

30) וזה שמשה לא קיבל מידם עד שנאמר לו מפי המקום (בין בפסוק ג בנדבת העגלות והבקר, ובין בפסוק יוד בחנוכת המזבח) – י"ל כי מאחר שזה הי' לאחר שבעת ימי המילואים שכבר הי' חינוך הכהנים במשכן ובשמיני במילואים לאחרי ששרתה שכינה בו ונודע שנתכפר להם על מעשה העגל אולי אי"ז כנדבת למלאכת המשכן שהם צריכים להתנדב תחלה ואדרבה צריך לדאוג שבנ"י יביאו. וזה שממשיך שם רש"י „א"ר נתן מה ראו הנשיאים כו'" היינו לבאר למה אמרו הנשיאים שבזה צ"ל הסדר שיתנדבו תחלה (ולא עלתה על דעתם החילוק כסברת משה). ובספרי איתא לפני ר"נ אומר „הסכימה דעתן לדעת עליונה". ולהעיר שבספרי ממשיך „רבי נתן אומר" ובפרש"י „אמר ר"נ".

31) ולהעיר מפרש"י נשא ז, א כלות משה: „בצלאל ואהליאב כו' עשו את המשכן ותלאו הכתוב במשה לפני כו'". ולהעיר ממרז"ל (ב"ב ט, א) גדול המעשה יותר מן העושה. אלא שבנדו"ד לא הי' „מעשה" כי הי' בנדבת הלב דכל ישראל.

32) קידושין טו, א. וש"נ.

33) ראה שו"ע חו"מ סי' פו ס"ה. קצוה"ח שם סק"א.

34) ולהעיר שגם בנוגע למשה אף שכל ציווי נדבת ומלאכת המשכן הי' על ידו ועד ש„תלאו הכתוב (עשייתו) במשה" (כנ"ל הערה 31) מ"מ „הניח לו הקב"ה הקמתו" „לפי שלא עשה משה שום מלאכה במשכן" (בידיו).

דאָס אויך פאַררעכנט אַלס זייער השתתפות אין מלאכת המשכן.

און עפ״ז איז פאַרשטאַנדיק וואָס זיי האָבן געזאָגט „יתנדבו צבור מה שמתנדבין ומה שמחסרין אנו משלימין אותו״ — וואָס פון דעם לשון איז משמע אַז ביי זיי איז ניט געווען זיכער אַז זיי וועלן מוזן ברענגען (און דערפאַר האָבן זיי געזאָגט „אנו משלימין אותו״, ניט „אנו מביאין״) — ווייל ביי זיי איז געווען אָפּגעלייגט אַז זיי דאַרפן אַליין ניט ברייגען, בלויז „מה שמחסרין אנו משלימין אותו״ דעם חסר, וואָרום עס פעלט אין דעם מלאכת המשכן.

בשעת אָבער זיי האָבן געזען אַ דבר פלא אַז „השלימו צבור את הכל״, דער צבור האָט אַלץ אָפּגעטאָן בשלימות האָבן זיי מרגיש געווען אַז דאָס קען ניט פאַררעכנט ווערן ווי זייער השתתפות.

יא. לויט דעם קען מען אויך מסביר זיין דעם סיום לשון רש״י „ולפי שנתעצלו מתחלה נחסרה אות משמם והנשאם כתיב״ (עס האָט געפעלט דער אות יוד פון זייער נאָמען) — דלכאורה וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער ענין פון עצלות מיטן חסרון פון אות יוד בשמם? נאָר (בפנימיות הענינים איז, אַז) דער חסרון פון אות יו״ד וואָס ווייזט אויף ביטול[35] איז (ניט אַ תוצאה, נאָר) די סיבה[36] פון זייער „שנתעצלו״; ווי אַזוי איז דאָס נתגלה געוואָרען און מען האָט זיי גערופן בשם „נשאם״ — „לפי שנתעצלו״, אַז מען האָט געזען „שנתעצלו״.

וויבאַלד אַז ביי זיי האָט געפעלט דער תכלית **הביטול**[37], **עס האָט זיך ביי זיי אָנגעהערט זייער זיין** נשיאים[38], **דעריבער האָבן זיי געפילט אַז די נדבת המשכן פון די אידן איז געקומען דורך** זיי **און אַז צוליב דעם וועלן זיי משלים זיין דאָס וואָס וועט פעלן ביי אידן**[39].

**און דער** הרגש **הנשיאות האָט גורם געווען זיי זאָלן זיין „שנתעצלו״ באופן, אַז זייער השתתפות אין בנין המשכן זאָל ניט זיין חלק כחלק מיט אַלע אַנדערע אידן, ביז אַז דער משכן (און דורכדעם די השראת השכינה באַ אידן) האָט גאָר געקענט זיין אָן נדבת הנשיאים.**

**יב. אַזוי ווי אַלע עניני התורה איז אויך דער ענין אַ הוראה צו יעדן אידן:**

**באַ יעדן אידן איז דאָ דער ענין ה„נשיאות״ — די נשיאות אויף עיר קטנה שלו זה הגוף**[40]**, אויף זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים, בכללות יותר דאָס וואָס יעדער איינער דאַרף זיין אַ משפיע (ונשיא) בסביבתו**[41] **— איז דאָ אין דעם**

---

35) ראה המשך באתי לגני ה׳שי״ת פ״ו. וראה כלי יקר עה״פ.

36) ע״ד הוספת היו״ד דיהושע — י׳ יושיעך (בעתיד) — שלח יג, טז ובפרש״י.

37) וי״ל שגם מטעם זה מעתיק רש״י שם בעל המאמר — ר׳ נתן — כי עפ״ז מתורץ איך יתכן לפרש שאצל הנשיאים הי׳ חסר בהביטול (ולכן נחסרה אות משמם). וזה מבואר ע״פ „ר׳ נתן״ שעליו מסופר (הוריות יג, ב) שרצה להעביר את רשב״ג מנשיאותו ושהוא ראוי לזה יותר מרשב״ג. היינו שידע ענינו של נשיא שאפשר שיתערב בהרגשתו ענין שאינו ביטול בתכלית, כמו שהי׳ אצל רשב״ג דתקין שלא יקומו מקמי ר״מ ור״נ כמו שעומדים לפניו, ואיך שהוא עצמו חשב שהוא ראוי להיות נשיא יותר מרשב״ג.

38) ראה זח״ג כג, א.

39) להעיר מהמשך תער״ב ח״א פרי״ד מדרגי׳ בהרגשת הביטול.

40) נדרים לב, ב.

41) דהרי האדם הוא מדיני והוא וסביבתו מושפעים זמ״ז (ראה רמב״ם רפ״ו מהל׳ דיעות) או שהוא משפיע בסביבתו או שנעשה מושפע מהם.

די הוראה, אַז אויב ער וויל אַז באַ אים זאָל ניט פעלן אין עבודת ה׳ לקונו און דער משכן שלו זאָל זיין כדבעי, דאַרף אין דער נשיאות (אין דער השפעה אויפן צווייטן) זיך אָנהערן דער יו״ד — דער תכלית הביטול;

— בדוגמת המלך וואָס דורך דעם וואָס „כיון שכרע שוב אינו זוקף״[42] — מער ווי באַ אַלע אַנדערע — איז ער מולך אויף אַלע אַנדערע[43];

עס טאָר ניט זיין דער הרגש אַז ער בכח עצמו איז דער משפיע און „נשיא״, און אַז די גאַנצע שייכות פון דעם צווייטן צום אויבערשטן איז נאָר אַ דאַנק אים.

און בשעת די השפעה ו„נשיאות״ איז מיט ביטול, דעמאָלט איז ער זוכה און האָט ניט קיין טעות אַז ער איז יוצא מיט דעם וואָס ער פועל׳ט אויף אַ צווייטן אידן, נאָר ער איז אויך מוסיף בעבודתו — אין שקידה בלימוד התורה און קיום המצות בהידור — ביתר שאת ויתר עז,

און דורכדעם ברענגט מען אַראָפּ משיח צדקנו, וואָס זיין אויפטו איז דער ענין ה„יו״ד״[44] — בחי׳ יחידה[45], יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו.

(משיחות ש״פ ויק״פ תשכ״ו)

42) ברכות לד, ב.

43) ראה סהמ״צ להצ״צ מצות מינוי מלך פ״א.

44) ובפרטיות יותר י״ל שהוא בחי׳ קוצו של יו״ד, בחי׳ הכתר שלמעלה מחכמה — ראה ד״ה קול קרא תש״א. ובכ״מ.

45) ראה ד״ה וידבר אלקים אכה״ד תרצ״ט (השני) בשם הרמ״ז. וראה ל״ת להאריז״ל בראשית עה״פ ויתהלך חנוך. לקו״ת צו (ח, ב ואילך). שם סוף שה״ש. וש״נ — דמשיח ענינו יחידה.